א קורצע בליק אויף

# HIV צווישן פרויען אין NYC, 2023

## מענטשן פריש דיאגנאזירט מיט HIV



איינס אין פינף מענטשן פריש דיאגנאזירט מיט HIV זענען געווען פרויען.




50% איבער פון פרויען פריש דיאגנאזירט מיט HIV זענען געווען צווישן 20 און 39 יאר אלט.



ניין פון 10 פון די פרויען זענען געווען שווארץ אדער לאטינא.




כמעט97% פון פרויען פריש דיאגנאזירט מיט HIV האבן עס ווארשיינליך באקומען דורך געשלעכטליכע באציאונגען.

### פון יעדע 10 פרויען מיט HIV:

- 9.6 זענען געווארן דיאגנאזירט.
- 8.9 האבן באקומען HIV באהאנדלונג.
- 8.0 זענען פארשריבן געווארן מעדיצינען צו באהאנדלען HIV (אנטירעטראווירעל טעראפיע).
- 8.0 זענען געווען ווירעלי סופרעסד.

# PrEP און HIV פארמיידונג

## PrEP

איידער-אויסגעשטעלטקייט פראפילאקסיס (pre-exposure prophylaxis, PrEP) איז א פארזיכערטע און ווירקזאמע מעדיצין וואס פארמיידט HIV. ווען גענומען ווי פארשריבן, וועט PrEP נידערן די געפאר פון באקומען HIV דורך געשלעכטליכע באציאונגען מיט אומגעפער 99%.

בלויז 35% פון געשלעכטליכע אקטיווע[1] פרויען האבן געהערט פון PrEP. וויסנשאפט איבער PrEP איז אנדערש אין די געגנטן אין ראסע און עטניק צווישן פרויען:

| | |
|---|---|
| לאטינא | 20% |
| אזיאנער אדער פאסיפיק איילענדער (נישט-לאטינא) | 29% |
| שווארץ (נישט-לאטינא) | 39% |
| ווייס (נישט-לאטינא) | 45% |

PrEP קען גענומען ווערן אלס א פיל איינצושלינגען איין מאל א טאג אדער אלס אן איינשפריץ ביי אייער העלט קעיר פראוויידער'ס אפיס. רעדט מיט אייער פראוויידער איבער וואס איז דאס בעסטע אויסוואל פאר אייך. די אמעריקאנער קאלעדזש פון אבסטעטרישינס און גיינעקאלאגיסטס (American College of Obstetricians and Gynecologists) רעקאמענדירט אז אבסטעטרישינס און גיינעקאלאגיסטס זאלן רעדן איבער PrEP מיט אלע געשלעכטליכע אקטיווע פאציענטן.

## נאך פארמיידונגס מיטלען

- נוצט קאנדאמס און אנדערע אפשטעל מיטלען.
- האלט אן אומשפירבארע ווירעל יאך דורך נעמען HIV מעדיצינען ווי פארשריבן. מענטשן מיט HIV וועלכע האלטן אן אומשפירבארע ווירעל יאך פאר כאטש זעקס מענאטן קענען נישט אריבערפירן HIV דורך געשלעכטליכע באציאונגען, וואס איז אויך באקאנט אלס "אומשפירבאר מיינט אוממעגליך אריבערצופירן" (undetectable equals untransmittable, U=U).
- ווערט אונטערגעזוכט פאר HIV און אנדערע געשלעכטליך אריבערגעפירטע אנצינדונגען.
- נעמט נאך-אויסגעשטעלטקייט פראפילאקסיס (post-exposure prophylaxis, PEP) אויב איר זענט שוין מעגליך געווען אויסגעשטעלט צו HIV. PEP איז עמערדזשענסי מעדיצין וואס קען אפהאלטן HIV אנצינדונג.

[1] געשלעכטליך אקטיוו מיינט אז מען קען באריכטן געשלעכטליכע באציאונגען אין די לעצטע 12 מאנאטן.

# געזעלשאפט פאקטארן וועלכע קענען אפעקטירן HIV

א מענטש'ס מעגליכקייט צו בלייבן געזונט איז געפארעמט דורך געזעלשאפט פאקטארן אדער ערפארונגען וועלכע זענען נישט אין זייערע הענט, וועלכע קענען אפעקטירן זייער צוטריט צו HIV אונטערזוכונג, פארמיידונג און באהאנדלונג סערוויסעס.[2]

## די פאקטארן נעמען אריין באגרעניצטע אדער גארנישט קיין צוטריט צו:

- וואוינונג
- מעדיציניש באהאנדלונג
- עסנווארג
- טשיילד קעיר
- העלט אינשורענס

## אנדערע ערפארונגען וועלכע קענען אפעקטירן דאס געזונטהייט נעמען אריין:

- טורמע
- דאמעסטישע געוואלדטאט
- ראסיזם, סעקסיזם, סטיגמא און דיסקרימינאציע

[2] די ליסטע פון פאקטארן איז צו באצייכענען און איז נישט גרונטליך.

# נאך הילפסמיטלען

## HIV פארמיידונג, אונטערזוכונג און באהאנדלונג

פאר מער אינפארמאציע איבער HIV אונטערזוכונג, באהאנדלונג און פארמיידונג, PrEP, און PEP קאנדאמס, באזוכט **nyc.gov/health/hiv** אדער סקענט די QR קאוד.

פאר הילף מיט'ן טרעפן א דאקטער, רופט **311** אדער 844-692-4692 אדער באזוכט **nyc.gov/health/map**.

## 988 קאונסעלינג און שטיצע

פארבינדט זיך מיט 988 פאר אומזיסטע, געהיימע קריזיס קאונסעלינג, גייסטישע געזונטהייט און סובסטאנץ אביוז הילף, און רעפערעלס פאר באהאנדלונג.

רופט אדער טעקסט 988 אדער טשעט אויף **nyc.gov/988**. טעקסט און טשעט סערוויסעס זענען אוועילעבל אין ענגליש און ספאניש, און קאונסעלארס זענען אוועילעבל אויפ'ן טעלעפאן 24/7 אין איבער 200 שפראכן.

## דאמעסטישע און דשענדער-באזירטע געוואלדטאט שטיצע

אויב איר אדער איינער וועמען איר קענט ליידט פון דאמעסטישע אדער דזשענדער-באזירטע געוואלדטאט, רופט:

- **911** אין אן עמערדזשענסי צושטאנד
- **311** און בעטן צו ווערן פארבינדן מיט די נענטסטע NYC פאמיליע יוסטיץ צענטער (Family Justice Center). געהיימע הילף איז אוועילעבל אויפ'ן טעלעפאן און פערזענליך פון מאנטאג ביז פרייטאג, פון 9:00 אינדערפרי ביז 5:00 נאכמיטאג.
- NYC'ס 24/7 דאמעסטישע געוואלדטאט האטליין (Domestic Violence Hotline) אויף 800-621-4673 פאר באלדיגע זיכערהייט פלאנירונג, שעלטער הילף און אנדערע הילפסמיטלען. פאר טעלעטייפרייטער (TTY): 800-810-7444.

די אינפארמאציע פארגעשטעלט אין די מאטריאל איז אנטוויקלט געווארן אינאיינעם מיט די NYC העלט דעפארטמענט'ס (NYC Health Department) שווארצע און לאטינא פרויען'ס סאב-קאמיטעט פון די פרויען עדווייזערי באורד (Black and Latina Women's Subcommittee of the Women's Advisory Board). אלע HIV אויפזיכט אינפארמאציע זענען פון מערץ 31, 2024, און נעמט אריין אינפארמאציע אויף סיסדזשענדער און טראנסדזשענדער פרויען.